NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02176

GAZLONIM

Mani Leib

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-02176-8

9780657021764T.PS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

I גנלנים
II די נויט

פון מאני לייב
אילוסטרירט פון ז. מאוד

פערלאג אינזעל
הויפטפערקויף: מ. נ. מײזעל'ס בוכשטאר פרייז 20 ס.

13/12283

גזלנים :

איינער פון זיי איז א יונגער געווען, דער צווייטער אן אלטער, א בלינדער.

זומערלעך, זומערלעך, ביימעלעך גרין.
ווינטערלעך ביימעלעך ווייסע...
אַט קינדערלעך זעצט זיך אַוועק אַרום מיר,
איך וועל אייך דערצעהלען א מעשה.

אַז איהר וועט שטילינקע זיצן אַזוי —
איז נעהם איך די מעשה דערצעהלען:
עס האַבען צוויי ברידער גזלנים געלעבט
אין פינסטערען וואַלד אין די היילען.

איינער פון זיי איז אַ יונגער־געזעלן,
דער צווייטער אַן אַלטער, אַ בלינדער,
דער אַלטער פלעגט זיצן און היטען די היים,
דער יונגער פלעגט געהן כאַפען קינדער.

גזלנים

ער פלעגט אוועק אין א פינסטערע נאכט,
א כאפ טאן א קינד און אנטלויפען,
און ברייגנען דעם קינד צו דעם אלטען אהיים,
דערנאך צו צוגיינער פארקויפען.

איינמאל, עס טרעפט אין א פינסטערע נאכט,
אין וואלד האט א שטורעם געוויטערט:
פון שטורעם געקרעכצט יעדער בוים האט אין וואלד,
די היילען אזש האבען געציטערט.

זיינען די ברידער גזלנים ביים טיש
פאר'שכור'ט און פרעהליך געזעסען;
זיי האבען געטרונקען דעם טייערסטען וויין,
די בעסטע מאכלים געגעסען.

פלוצלונג זיי הערען א קינדערש געוויין
צוגעהט זיך פארגעהט זיך אין שטורעם!
„מיין מאמע, מיין מאמע, איך בלאנדזשע אליין!...”
א קינדערש געוויין, אז אפילו א שטיין
געקענט וואלט צוגעהן פון יסורים.



דאָס קינדערשע געוויין טראָגט זיך דאָ אום פאַר איהם.
און וויל גאָר אַנטשוויגען ניט ווערען.

גזלנים

אבער די ביידע גזלנים פאר פרייד,
זיי האבען געטאנצט און געשפרונגען,
פאר זיי האט דאס קינדערש געוויין ווי א בארג
ציגיינערשע רענדלאך געקלונגען.

האט זיך דער יונגער פון קאפ ביז די פיס
מיט העק און מיט מעסער באהאנגען,
און איז דורך די היילען צום וואלד נאכ'ן קינד
מיט בליציגע אויגען געגאנגען.

געהט ער א שעה, און געהט אזוי צוויי,
און וואס איז דא לאנג צו דערצעהלען? —
ער געהט שוין ארום אזוי זיבען מעת לעת
און קען ניט ארויס פון די היילען,

און אין די גאנצענע זיבען מעת לעת
וואו ער זאל זיך ווענדען און קערען —
דאס קינדערש געוויין טראגט זיך דא אום פאר איהם,
און וויל גאר אנטשווינגען ניט ווערען.

ג ז ל נ י ם

האָט ער די גאַנצענע זיבען מעת לעת
געריסען די היילען, די שטיינער, —
אַז ער האָט צובראָכען די מעסער און העק,
געריסען האָט ער מיט די ציינער.

וואָס איז דערוויל מיט'ן בלינדען געשעהן ? —
ער איז דאָך אַ שיף אָהן אַ רודער ? —
דער בלינדער האָט גאַנצענע זיבען מעת לעת
געוויינט נאָך זיין יונגערען ברודער,

און אויף דער נאַכט פון דעם אַכטען מעת לעת,
דער ברודער איז נאָך ניט געקומען —
האָט ער אַזוי ביטער און שטאַרק זיך צואוויינט,
ביז ער האָט זיין ראיה באַקומען.

איז ער זיין ברודער צו זוכען אַוועק :
און ווייט אין אַ הייל אַ פאַרדרעהטען,
אָהן ציינער, די ליפּען צוקרימט און צולאַמט,
האָט ער איהם געפונען אַ טויטען.



„מיין מאמע, מיין מאמע, איך בלאנדזשע ארוין...״ און ווערט באַלד אויף אייביג אנטשוואונדן

גזלנים

איז ווי ער האָט איהם געפֿונען אַזוי
אָהן ציינער אַ טויטען דאָ ליגען,
ברעכט פלוצלונג דער טויטער אַרויס אַ געוויין :
„מיין מאַמע, מיין מאַמע, איך בלאָנדזשע אליין...״
און ווערט באַלד אויף אייביג אַנטשוויגען.

גרוי ווי דער אַלטער איז פריהער געווען,
פון שרעק איז געוואָרען נאָך גרויער ;
און איבער'ן מת האָט ער זיבען מעת לעת
געוואַכט אין געוויין און אין טרויער.

און אויף דער נאַכט פון דעם אַכטען מעת לעת,
אין וואַלד איז אַ שטורעם געוואָרען,
האָט ער אַזוי ביטער און שפּאַרק זיך צואַוויינט,
ביז ער האָט זיין ראיה פאַרלאָרען.

זיצט זיך פון יעמאָלט דער בלינדער און וויינט
און קען ניט אַרויס פון די היילען...
און סוחרים וואָס פאָהרען אין נעכט דורכ'ן וואַלד
דערשראָקענע נאָכדעם דערצעהלען :

גזלנים

אז ווען מען פאָהרט אין די נעכט דורכ'ן וואלד,
אַ קינדערש געוויין קען מען הערן,
אַ קינדערש געוויין אַז אַ שטיין וואלט צוגעהן:
„מיין מאַמע, מיין מאַמע, איך בלאָנדזשע אליין!...״
און וויל גאָר אנטשווייגען נים ווערען.

אָבער דאָס וויינט נים קיין קינד אינ'ם וואלד, —
מען לאָזט נים אין וועלדער קיין קינדער.
דאָס וויינט נאָר אין פינסטער'ן וואלד אין די נעכט
דער אלטער, דער גזלן דער בלינדער.

זומערלעב, זומערלעב, בוימעלעך גרין,
ווינטערלעב בוימעלעך ווייסע,
אַ גלעקעל אריין און אַ גלעקעל ארויס,
און דאָס איז די גאַנצענע מעשה.



דאָס ווייטע גאָר אין פינסטער'ן וואַלד אין די נעכט
דער אַלטער, דער גזלן דער בלינדער

די נויט

אין ברוקלין אין אַ שטיבעל
אָהן ווענט און אָהן אַ דאַך,
האָט זיך געוואוינט אַן אָרימאַן —
מיט קינדערלעך אַ סך.

און דאָרט ביי זיי אין שטיבעל
איז נים געווען קיין ברוים,
ווייל דאָרט אין שטיבעל האָט מיט זיי
געוואוינט די גרויסע נוים.

דער אָרימאַן פלעגט אויפשטעהן
אַז שלאָפען פלעגט די וועלט,
און געהן צופוס ביז אין ניו-יאָרק
פאַרדינען עפּעס געלט.

די גויט

אין אז די זון פליעגט איפגעהן
אין ביז די זון פארגעהט —
די קינדער פליעגען וויינען שטארק :
— אוי מאמע, מאמע ברויט !

די גרויע גויט פליעגט זיצען
ביים אייזען אויף א שטיין
אין זעהען אלין אין פרעהען זיך
אין שארפען מיט די ציין.

די מאמע פליעגט דאס זעהען
אין וויינען שטילערהייט,
אין טרייסטען איהרע קינדערלעך :
— וואס דארפט איהר קינדער, ברויט ? —

איהר ווייסט דאך אז דער טאטע
איז אין ניו־יארק אוועק, —
ער וועט אייך ברענגען פון ניו־יארק
צוויי גרויסע פולע זעק, —

די גרויע בוים פלעגט זיצען ביים אויווען אויף א שטיין
און זעהען אלין און פרעהען זיך און שארפען מיט די ציין.

די נויט

צוויי פולע זעק מיט חלות,
מיט עפּעל און מיט ניס,
מיט קיכעלאך און שאָקאָלאַד
און טאָרט ווי האָניג זיס.

די קינדער פלעגען הערען,
זיי האָבען זיך געפרעהט,
און פלעגען שוין דעם גאַנצען טאָג
ניט בעטען מעהר קיין ברויט.

און שטילינקע און גוטע
געוואָרט ביז שפּעט ביינאַכט
און זעהען צי דער טאַטע האָט
צוויי זעק אהיים געבראַכט.

דער אָרימאַן פלעגט קומען
ביינאַכט, פאַרזאָרגט און מיד,
און זאָגען צו די קינדערלעך:
— היינט האָב איך גאָר נישט ניט.

די גויט

די קינדער נעהמען וויינען:
— איי ברויט, א שטיקעל ברויט!
דער טאטע שווייגט, די מאמע זיפצט
און ווינשט אויף זיך דעם טויט.

די גרויע גויט ביים אויוען
זי זיצט זיך אויף איהר שטיין,
און זעהט עס אלין און פרעהט זיך אלין
און שארפט זיך אלין די ציין.

נאר איינמאל האט געטראפען,
געשלאפען איז די וועלט,
דער אריטאן געהט אין ניו־יארק
פארדינען עפעס געלט.

אט ערשט איז ער פון שטיבעל
צופוס אזוי אוועק,
און פלוצלונג קומט ער באלד צוריק
און טראגט צוויי פולע זעק.

. . . און פּלוצלונג קומט ער באַלד צוריק און טראָגט צוויי פולע זעק

די נייט

צוויי פולע זעק מיט חלות,
מיט עפעל און מיט ניס,
מיט קיכעלאך און שאקאלאד
און טארט ווי האניג זיס.

און נעהמט די קינדער וועקען, —
ער וועקט זיי און ער לאכט:
שטעהט אויף איהר ליעבע קינדערליך,
זעהט וואס איך האב געבראכט!

נו, האט מען דאס אין שטיבעל
א ביסעל זיך געפרעהט! —
נאר נים געפרעהט האט זיך מיט זיי
די בייזע גרויע נויט.

פון שרעק איז זי געווארען
א קליינע, קליינע גריל,
און איז פארקראכען אונטער דיל
און האט צוזויינט זיך שטיל.

ביכער פאר שולען און ערציהונג
ארויסגעגעבען פון

מייזעל'ס פערלאג

ראזשינקעס מיט מאנדלען
(מעשה'לעך פאר אידישע קינדער)

1. יהודה שטיינבערג

1. שמעון, איך זאל אזוי לעבען.
2. די פארשאלטענע פרינצעסין.
3. די געפאנגענע כלה.

פרייז 15 ס.

2. יהודה שטיינבערג

1 א מעשה מיט א פורשט —
2. דער געשלאגענער אינגעל. —
3. פליגען שריפט. — 4. א רוי־
נער געוויסען.—5. די שולע.

פרייז 15 ס.

3. יהודה שטיינבערג

1. פראגען.—2. שמואל מילנער.
— 3. א מעשה מיט צוויי ברו־
דער.—4. רייזען און שמאראג־
דען.

פרייז 15 ס.

4. יהודה שטיינבערג

1. צוויי באגערען.—2. די ניט
פארענטפערטע קשיות. — 3. לא
תחמוד. — 4. א רוגז.

פרייז 15 ס.

5. יהודה שטיינבערג

1. חמשה־עשר אויבס. — 2. די
ביימלען אין גלות.

פרייז 15 ס.

6. —

1. בן־עמי: פייוועל דער גרוי־
סער און פייוועל דער קליי־
נער.
2. ד. סלוצקי: די ערד דרעהט
זיך נים. פרייז 15 ס.

ש. דובנאוו: אידישע גע־
שיכטע פאר שולע און
זעלבסטבילדונג.

באנד I: ביבלישע עפאכע, 256
זייטען.
פראכטפאל געבונדען — $1.00

באנד II: מאקאביאישע און
תלמודישע עפאכע — $1.00

באנד III: דער מיטעלאלטער
און די נייע צייט — $1.00

כ. ווארשאווסקי'ס יודישע
פאלקסלידער, געב. — — $1.25
" מוזיק צו ווארשאווסקי'ס
לידער, בראשירט — — 60 ס.

ח. ליבערמאן: די אידישע רע־
ליגיאן אין דער נאציאנאל־ראַ־
דיקאלער ערציהונג, בראש. 10 ס.

ח. ליבערמאן: די אידישע ער־
ציהונג אין אמעריקא. בר. 20 ס.

ה. ספענסער: ד י ע ר צ י ־
ה ו נ ג, גייסטיג מאראליש און
קערפערליך, רייך געב. — $1.25

י. ענטין און ל. עלבע: פ ו ן
א י ד י ש ע ן ק ו ו א ל, א
אידיש לערנבוך און חרעסטאמא־
טיע פאר שול און הויז, מיט 43
בילדער און פארבען. 306 זיי־
טען; געב. — — — — $1.00

פאלשטענדיגער קאטאלאג
געשיקט פריי.

שולען קריגען א גרויסען ראבאט.
צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער און ביים פערלעגער
MAX N. MAISEL, 424 GRAND STREET, NEW YORK.

מאני לייב

באַלאַדן און לידער

[illegible]

[illegible]